ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office





**י"ג ניסן תשס"ה**

**פרשת אחרי מות**

טייערע קינדער שלוחים,

די שטוב איז ריין. דעם חמץ האט מען שוין ארויסגענומען, און מען וועט עס היינט פארברענען. דער שטוב איז גרייט אויף פסח!

אבער וואס איז מיט די אינעווייניק פון יעדער פון אייך? מען מוז מאכן זיכער ארויסצונעמען אלע חמץ- ניט גוטע מדות- פון אינעווייניק און קומען פריש און ריין צום הייליקע נאכט פון דעם סדר. און זיכער וועלן מיר פראווען דעם סדר אין בית המקדש השלישי!!!

איידלה וועכטער

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת אחרי מות

וחי בהם

**ושמרתם את חוקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם** - איר זאלט היטן מיינע געזעצן וואס א מענטש וועט זיי טאן און וועט לעבן מיט זיי.

דאס מיינט: תורה און מצוות איז דער **לעבן** פון אלע אידן און פון יעדער אידן.

בשעת א אידיש קינד ווייס אז אידישקייט איז זיין לעבן, איז זיכער, אז גלייך ווי ער הערט אז עס איז דא א מעגלעכקייט צו פארשטארקן זיין פארבונד מיט אידישקייט, טוט ער דאס גלייך מיט גרויס חיות און שמחה,

און ווי עס שטייט "**ישמח ישראל בעושיו**": אידן פרייען זיך מיט'ן אויבערשטן וואס האט זיי באשאפן און געגעבן תורה און מצוות כדי זיי זאלן זוכה זיין צו כל טוב גשמי ורוחני, און אריכות ימים ושנים טובות.

און זיכער וועט ער אויך העלפן זיינע חברים צו שטארקן זייער פארבונד מיט'ן אויבערשטן, ווי דער אנזאג "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק", און וועט משפיע זיין אויף יעדערן מיט וועמען ער טרעפט, צו שטארקן זייער אידישקייט אין טאג-טעגלעכן לעבן, וואס דורך דעם - "**וחי בהם**".

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - ה' דחגה"פ תשמ"ח)*

## דעם חסידישן לוח

### י"ג ניסן



**הסתלקות פון דער צמח צדק**

דער צמח צדק איז געבארן געווארן כ"ט אלול תקמ"ט צו רביצין דבורה לאה - דער טאכטער פון דער אלטער רבי, און איר מאן הרב החסיד ר' שלום שכנא.

ווען זיין מאמע איז אוועק - זי האט אוועקגעגעבן איר לעבן פארן אלטער רבי - האט זי געבעטן דער אלטער רבי צו נעמען איר אייגן קינד און אים מחנך זיין. דער צמח צדק איז אויפגעוואקסן אין דער שטוב פון דער אלטן רבי'ן און ער האט געהאט גרויסע קירובים פון דער אלטער רבי.

דער צמח צדק האט זיך שטארק מוסר נפש געווען פאר די קינדער וואס זיינען גענומען געווארן צו די רוסישע ארמיי - די קאנטאניסטין. דער צמח צדק האט זיך אויך זייער פארנומען מיט די גשמיות'דיקע לעבן פון אידן צו מאכן זייערע שווערקייטן גרינגער.

זעקס יאר פאר דער צמח צדק איז נפטר געווארן איז זיין גשמיות'דיקע געזונט געווארן שוואך. די לעצטע האלבע יאר פאר זיין הסתלקות, האט ער געזאגט די חסידים אז ער קען נאר נעמען רוחניות'דיקן געבעטס, ווייל ער זעהט שוין ניט קיין גשמיות. דער צמח צדק איז אוועק י"ג ניסן תרכ"ו.

מיר בעטן אויף גאולה ווען מיר וועלן שוין זען דער צמח צדק נאכאמאל!



# די י״ב פסוקים

**<u>לכבוד י״א ניסן לייגן מיר צו יעדער וואך אין חודש ניסן א חלק פון די</u>**
**<u>י״ב פסוקים ומאמרי חז״ל מיט ביאורים</u>**
**<u>(אהלי מנחם)</u>**

## <u>חלק ב׳</u>

**"כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשי ידי להתפאר"**

*אלע אידן האבן א חלק אין עולם הבא ווי עס שטייט 'און דיין פאלק זיינען אלע צדיקים, זיי וועלען ירש'נען דעם וועלט אויף אייביק, זיי זיינען א צווייג פון מיין פלאנצונג, די ארבעט פון מיינע הענט, מיט וועלכע איך טו זיך בארימען.'*



א אידישע קינד דארף וויסן דעם געוואלדיגן זכות וואס ער האט– זייענדיק א "צווייג" פון אויבערשטנ'ס פלאנצונג מיט וועמען דער אויבערשטער שטאלצירט. און נעמענדיק אין אכט ווי טייער איז זיין טייל אין דער אייביקער וועלט - וועט עס אים באווירקן צו שטארקן זיך אין זיינע גוט אויפפירונג און אוועקגעבן פון זיינע וועלטליכע - צייטווייליגע פארגעניגנס (וועלכע רייסן אים אפ דערפון), בכדי צו זיין זיכער אין זיין צוקונפדיגע אייביקייט.

(די וויכטיקייט פון דעם אויבענדערמאנטן מאמר חז"ל קען מען אויך זעהן פון דעם וואס ער דינט אלס א "הקדמה" צו יעדער פרק פון מסכת אבות.)

**כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו**

*די תורה איז זייער נאענט (גרינג) צו דיר, זי צו דערפילן מיט'ן מויל און מיט'ן הארץ דאס צו טאהן.*



דער פסוק אונטערשטרייכט ווי אלע מצוות פון תורה - סיי די וועלכע זיינען פארבונדן מיט מחשבה און הארץ ("ובלבבך"), סיי די וועלכע זיינען פארבונדן מיט דיבור ("בפיך") סיי די וועלכע זיינען פארבונדן מיט מעשה ("לעשותו") - זיינען זייער לייכט פאר יעדער אידן, אין יעדער דור און אין אלע אומשטענדן ( ווי דערקלערט אין תניא).

**והנה ה׳ נצב עליו ומלא כל הארץ כבודו ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי**

*און ג–ט וואס די גאנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד, שטייט איבער אים (איבער יעדער אידן) און קוקט אויף אים און פארשט זיינע געדאנקן און הארץ אויב ער דינט אים ווי עס דארף צו זיין.*



ווען א איד טראכט זיך אריין, ווי דער אויבערשטער , קעניג איבער אלע וועלטן, קוקט זיך צו צו אים פערזענליך אין אלע זיינע געדאנקן - ווערט ער אנגעפילט מיטן אחריות - געפיל צו אכטונג געבן אויף זיין יעדער זאך אז זי זאל זיין פאסיק צום ווילן פון אויבערשטן וועלכער קוקט זיך צו און גיט אכטונג אויף אים.

## דערציילט מיר א מעשה

א ליובאוויטשער פרוי האט געברענגט אירע קינדער צום רבי'ן אויף יחידות. איר זוהן איז געווען 7 יאר אלט און איר טאכטער איז געווען 5 יאר אלט. ביים יחידות האט דער רבי געפרעגט אויב דער אינגל קען זאגן שמע. דער אינגל האט געזאגט אז ער קען, און האט גלייך געזאגט שמע ווארט ביי ווארט. דער רבי האט געשמייכלט, און האט ארויסגענומען א זילבערנע דאלער און האט עס געגעבן צום קינד.

דערנאך האט ער געפרעגט דער מיידל "ווייסטו זאגן שמע?"

דער מיידל האט זיך זייער געשעמט און האט ניט געענטפערט.

דער רבי האט ארויסגענומען נאך א זילבערנע דאלער און האט עס געגעבן צום מאמע. "דאס איז פאר דיין טאכטער. היינט פאר זי וועט גיין שלאפן וועט זי זאגן שמע. יעמאלט זאלסטו עס געבן צו איר!!"

## משיח נאו!

"דאס איז די סדר פון וואס מען האט געטאן ביים קרבן פסח..." ערב פסח לייענט מען דעם סדר קרבן פסח. עס איז זייער וויכטיג צו נוצען דעם צייט אויף צו בעטן ביים אויבערשטן אויפן גאולה אז מיר זאלן ברענגען דעם קרבן פסח דעם יאר אין ירושלים!




**א כשר און א פריילכן פסח!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר אסרו חג, כ"ד ניסן, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות—פרשת אחרי מות

1. וואס איז די לעבן פון יעדער איד? ____________________

2. אויף וואס פרייען מיר אידן? ____________________

3. ווען איז דער צמח צדק געבארן געווארן? ____________________

4. ווער זיינען געווען זיינע עלטערן? __________ און __________

5. אין וועמענס שטוב איז דער צמח צדק אויפגעוואקסן? __________

6. וואס לייענט מען ערב פסח? ____________________

7. וואס דארף מען טראכטן ווען מען לייענט דאס? ____________________

____________________

8. וואס האט יעדער איד? ____________________

9. וועלכעווארט פון פסוק "כי קרוב..." באווייזט אויף אונזערע רייד?

____________________

10. וואס טוט דער אויבערשטן צו אלע אידן? ____________________

נאמען: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ____________________

אי-מייעל: ____________________

הצלחה רבה!